


# פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת וישלח, י"ז כסלו תשס"ז
גליון 3, מספר 4




# פרשת וישלח

## קטונתי - איך בין קליין

דער אידישער פאלק ווערט אנגערופען אויפן נאמען פון יעקב - "אל תירא עבדי יעקב" - וואס אויף יעקב'ן שטייט אז "קטן הוא" - ער איז קליין.

דער טעם אויף דעם וואס אידן ווערן אנגערופען "קטן": יעדער איד דארף פילן אז ער באקומט אלץ וואס ער האט (און דארף האבן) פון דעם אויבערשטן וואס ער האט אלץ באשאפן, **"בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ"** און גיט די שמים וארץ וכל צבאיהם אלץ וואס זיי דארפן.

קומט אויס אז יעדער איד– וואס קטן הוא– דארף זיך באטראכטן פונקט ווי ער איז די לבנה דער "מאור הקטן", וואס באקומט איר ליכט פון דעם שמש דעם "מאור הגדול".

ווי גרויס ער זאל נאר זיין, און ווי גרויס ער וועט נאך ווערן - און זיכער וועט ער ווערן גרויס, **"זה הקטן גדול יהיי"** - איז ער פונדעסטוועגן קליין ביי זיך ווי א קטן, וויסנדיק אז דאס אלץ איז מיט דעם כח און די ברכות פון דעם אויבערשטן, דעם "מאור הגדול".

און די אפלערנונג דערפון:
אידישע קינדער (קטנים און קטנות) דארפן זיך אנשליסן אין "צבאות השם", די ארמיי פון אויבערשטן, דעם "**מאור הגדול**" וואס דעמאלט באקומט מען פון דעם אויבערשטן אליין - דער קאמענדער–אין–טשיף, דער "מאור הגדול" - אלץ וואס מען דארף כדי צו קענען רואיקערהייט מנצח זיין אין מלחמת היצר.

פונקט ווי אין א גשמיות'דיקער ארמיי, אז יעדערער וואס געפינט זיך אין דער ארמיי באקומט אלץ וואס ער דארף כדי צו קענען דורכפירן זיין תפקיד אין דעם צבא און מנצח זיין.

און דורך דעם באקומט מען דעם כח צו זיין א "מאור", אז טראָץ דעם וואס ער איז גאר א קטן, און בפרט אין פארגלייך מיט שמים וארץ וכל צבאיהם, האט ער בכח צו באלייכטן יעדער איד, סיי אינגעלעך און סיי מיידעלעך, און דורך זיי - אויך זייערע עלטערן, קרובים, ביז אז זיי לייכטן און באלייכטן די גאנצע וועלט.

ביז יעדער איד ווערט אן אנפירער און ברענגט די גאולה צו דער גאנצער וועלט - דורך דוד מלך המשיח, וואס אויך אויף אים שטייט "**דוד הוא קטן**"

*(פון דער רבי'ס רעדט צו קינדער –שיחת פורים קטן תשמ"א)*

*טייערע קינדער שלוחים!*

*ווען דער אלטער רבי איז געווען אין תפיסא, האט ער געהאט ספעציעלע געסט, דער בעל שם טוב און דער מגיד! דער אלטער רבי האט ביי זיי געפרעגט,*

*"פארוואס בין איך אין תפיסא?" האבן זיי געענטפערט, "עס איז פאראן א קטרוג אנטקעגן דיר צוליב דעם וואס דו פארשפרייטסט חסידות!"*

*"זאל איך אויפהערן פארשפרייטן חסידות?" האט דער אלטער רבי געפרעגט*

*"ניין!", האט מען אים געזאגט, "וויבאלד דו האסט שוין אנגעהויבן, זאלסטו יעצט ווייטער טאן, און ווען דו וועסט ארויסקומען, זאל עס זיין מיט נאך מער שטארקייט!"*

*קינדער, איר זייט אמת'ע חסידים וואס טוען ווייטער די וויכטיקע ארבעט פון אלטן רבי'ן. איר פארשפרייט אידישקייט און חסידות אין גאנצע וועלט!*

*י"ט כסלו איז אייער יום טוב! די יום טוב פון שלוחים וואס פארשפרייטן חסידות!*

*לאמיר בעטן אויף דעם הייליקן טאג, אז דער אויבערשטער זאל שוין שיקן משיח'ן און מען זאל שוין פארברענגען דעם י"ט כסלו אין ירושלים מיט דער רבי און אלע רביים!*

*<u>לשנה טובה בלימוד החסידות ובדרכי החסידות!</u> –א. וועכטער*

# דער חסידיש'ער לוח

## י"ט כסלו - יארצייט פון מעזריטשער מגיד

י"ט כסלו איז די יארצייט פון מעזריטשער מגיד. דער מגיד פון מעזריטש– ר' דובער –איז געווען א תלמיד פון דער בעל שם טוב. נאך די הסתלקות פון בעל שם טוב, איז דער מעזריטשער מגיד געווען רבי פון תקכ"א, ביז י"ט כסלו, תקל"ב.

## י"ט כסלו – די חג הגאולה פון אלטן רבי'ן.

### *ראש השנה לחסידות*



י"ט כסלו תקנ"ט, איז דער אלטער רבי ארויסגעקומען פון "פעטערסק–פאוואלסקע" די גרויסע תפיסא אין רוסלאנד. דער אלטער רבי איז געווען אין תפיסא 52 טעג, (די 52 פרקים פון תניא זיינען אין פארגלייך צו די 52 טעג.) מען האט באשולדיקט דעם אלטן רבי'ן אז ער גייט אנטקעגן די צאר. דאס איז באמת אויך געווען א קטרוג למעלה, די מלאכים זיינען ניט געווען צופרידן אז דער אלטער רבי צושפרייט חסידות צו אלע אידן.

י"ט כסלו איז ניט נאר א חג הגאולה פארן אלטן רבי'ן נאר פאר אלע חסידים, עס ווערט אנגערופען "ראש השנה לחסידות."

דער אלטער רבי איז געווען אין מיטן זאגן תהילים ווען ער איז באפרייט געווארן. ער האט געזאגט קאפיטל נ"ה און איז געווען אין מיט זאגן די ווערטער "פדה בשלום נפשי," ווען מען האט אים באפרייט.

כ' כסלו איז ער באמת אהיים געקומען צו חסידים.

יט און כ' כסלו זיינען טעג פון פארברענגן און שמחה. מען זאגט ניט תחנון די טעג, און מען מאכט החלטות לערנען חסידות און לעבן אין א חסידי'שער וועג. מען הויבט אן די תניא, און די היום יום. גוט יום טוב!

### *דערציילונגען פון די ארעסטירונג*

*איידער מען האט אוועקגענומען דעם אלטן רבי'ן אין תפיסה, האט ער געשיקט א שליח צו ברענגן א פ"ן צו ר' לוי יצחק פון בערדיטשעוו. אויפן וועג האט זיך דער מענטש געכאפט אז ער האט פארגעסן פרעגן דעם אלטן רבי'נ וואס איז זיין מאמע'ס נאמען. ווען ער איז אנגעקומען צו ר' לוי יצחק האט ער געזאגט אויף זיין שליחות און אז ער ווייס ניט דעם נאמען. האט ר' לוי יצחק געעפנט א חומש און די פסוק צו וואו ער איז אנגעקומען אין געווען "וירא יעקב כי יש שבר במצרים" האט ער געזאגט, "די ווארט **שבר** איז ראשי תיבות "שניאור בן רבקה" זיין מאמע'ס נאמען איז רבקה!" און אזוי איז טאקע געווען!

*דעם אלטן רבי'ן האט מען ארעסטירט דאנערשטיק ביינאכט. ווען עס איז געקומען פרייטיק אינדערפרי, זעקס שעה פאר ליכט צינדן, האט דער אלטער רבי ניט געוואלט ווייטער פארן, און האט געבעטן די גענעראל מען זאל דא רוען איבער שבת. דער גענעראל האט ניט געוואלט מסכים זיין, אבער ער האט באלד געזען אז צום אלטן רבי'ן הערט מען צו!! ערשט איז צובראכן געווארן די וואגן, דערנאך איז א פערד געפאלן און די פערד וואס מען האט געברענגט איבערצונעמען האט זיך ניט געקענט רירן! די גענעראל האט ניט געהאט קיינע ברירה און ער איז געבליבן דארט אויף שבת. חסידים דערציילן אז ר' מיכאל נעוועלער האט אנגעוויזן דעם ארט וואו דער אלטער רבי איז געווען יענע שבת. דעם גאנצע וועג זיינען געשטאנען אלטע צובראכענע ביימער, און אין יענע ארט איז געווען א גרויסער, שיינער בוים מיט אסאך צווייגן!

*ווען מען האט באפרייט דעם אלטן רבי'ן, האט מען אים געפרעגט א וואו ער וויל גיין. האט ער געזאגט אז ער וויל גיין צו ר' מרדכי ליפלערס אכסניא. בטעות האבן זיי געברענגט דעם אלטן רבי'ן אין די אונטערשטע שטאק וואו עס איז געווען א גרויסע מתנגד. די מתנגד האט אנגעשריען דעם אלטן רבי'ן!

די חסידים האבן געוואוסט אז דער אלטער רבי איז באפרייט געווארן, אבער זיי האבן ניט געוואוסט וואו ער איז! ביז זיי האבן פארשטאנען וואס איז געשען. ווען זיי זיינען אנגעקומען צום שטוב, און האבן געוואלט ארויסנעמען דעם אלטן רבי'ן, האט ער זיי געזאגט אז ער וועט ערשט פארענדיקן זיין טיי, ווייל עס איז ניט שיין אזוי ארויסגיין פון אן אנדערע'ס שטוב. שפעטער האט זיי דער אלטער רבי געזאגט אז די פאר שעה ביים מתנגיד זיינען געווען שווערער ווי זיין גאנצע צייט אין תפיסה, ווייל דארט האט ער געהאט מיט זיך דער בעל שם טוב און דער מגיד!

## כ' כסלו, תקנ"ז - דער ערשטער מאל וואס די תניא איז געדרוקט געווארן.

דער אלטער רבי האט ניט געוואלט דרוקן דעם תניא, אבער אנדערע מענטשן האבן דאס געדרוקט מיט גרייזן און מען האט געמוזט דרוקן דעם תניא ריכטיגערהייט.

קינדער, כ' כסלו איז זייער א וויכטיגע טאג אנצונעמען נייע החלטות אויף צו לערנען תניא ווי עס איז צוטיילט געווארן אויף יעד'ן טאג אזוי ווי דער רבי האט אונז געלערנט, און חזר'ן תניא בעל פה!

## ראללי לכבוד י"ט כסלו

זונטאג, י"ט כסלו, תשס"ז

**וויפל אזייגער?**

עברית11:30 AM - ET

דורך די "וועב" - 1:00 PM ET

דורך די טעלעפאן - 4:00 PM ET

דורך די "וועב" - 6:00 PM ET

**וואס?**

פארבינד זיך מיט הונדערטע שלוחים פון די גאנצער וועלט אין א ריזיגע י"ט כסלו פארברנגנג!

קינדער'ס Connect

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# דערציילט מיר א מעשה

דער אלטער רבי האט אמאל ארויסגעשיקט איינע פון זיינע חסידים אויף א שליחות קלייבן געלט פאר א וויכטיקע צוועק. דער אלטער רבי האט אים געגעבן א ברכה, און האט אים געזאגט אז ער זאל *ניט ארייננגיין אין א שטוב וואס האט זיין טיר אויפן מזרח זייט.*
דער מענטש האט זיך געוואונדערט אויף די מאדנע רייד, אבער ער האט עס אנגענומען.

דער שליחות איז געווען בהצלחה, און מערסטע פון די געלט האט ער געקליבן. ער איז געווען אויפן וועג אהיים, ווען ער האט זיך געפונען אין א גרויסע שטורעם אויף א לאנגע גאס, און עס איז באלד געווארן פינסטער. ער האט געשטופט זיינע פערד זיי זאלן גיין שנעלער, אבער עס זיינען אריבערגעגאנגען אסאך צייט, און ער האט ניט געזען א שטוב.

פלוצלונג האט ער באמערקט א שטוב! מיט זיינע לעצטע כוחות, האט ער זיך געשלעפט צום טיר. ער איז אנגעקומען און האט געזען א מזוזה אויפן טיר - א אידישע שטוב! ער איז געווען אזוי צופרידן!

אן עלטערע פרוי האט געעפנט דעם טיר און האט אים ארייננגעלאזט. "קום אריין, מיין זון וועט ארייננברענגען דיין פערד אין שטאל."

נאכדעם וואס ער האט זיך אראפגעזעצט, האט ער זיך דערמאנט אז ער האט ניט געדאווענט מנחה, האט ער געפרעגט ביים פרוי וועלכע וועג איז מזרח זייט, און ער האט געדאווענט. פלוצלונג האט ער באמערקט אז דער עיקר אריינגאנג אין שטוב איז געווען ביי מזרח– זייט! ער האט זיך גלייך געדרייט ארויסצוגיין פון שטוב, אבער ער האט באמערקט אז די טיר איז געווען פארשלאסן, און ער האט ניט געקענט ארויסגיין!

ער האט זיך געוואונדערט אויף דעם, אבער פלוצלונג זיינען אריינגעקומען פיר שטארקע מענטשן - זיי זיינען געווען די זין פון די פרוי וואס האט אויסגעזעצן ווי אזא פיינע פרוי. גלייך ווי זיי האבן געזען דער גאסט האבן זיי געטאנצט אויף אים , זיי האבן אים אראפגעווארפן און האבן ארויסגענומען די גאנצע געלט פון זיין קעשענע.

"אהא!" האט די פרוי געזאגט, "ער האט דא אסאך געלט!" די ברידער האבן ארויסגענומען משקה, און האבן געמאכט א לחיים! אויף די פארמעגן וואס זיי האבן יעצט באקומען!

יעצט איז די טאטע אריינגעקומען. "אהא! וואס האבן מיר דא? זייער גוטע ארבעט מיינע טייערע זין! א שאד אז מיר וועלן אים דארפן הרג'נען, אבער דאס וועט מען טאן מארגן, דערווייל לאמיר טרינקן צו אונזער גליק!"

שפעטער ביינאכט, ווען אלע זיינען געשלאפן, איז דער טאטע געקומען צום חסיד. ער האט אים באווארנט צו זיין שטיל, און ער האט געשניטן די שטריק וואס האט פארבונדן דעם חסיד, און האט אים געזאגט,

"נעם דיין געלט און גיי ארויס פון די שטוב." דערנאך האט ער אים געגעבן א גאלדענע מטבע, און האט געזאגט, "דאס איז צדקה געלט פון א מענטש וואס האט געטאן פיל עבירות. בעט דיין רבי דאוונען פאר מיר!"

דער חסיד האט ניט געהאט די ווערטער דאנקן דער מענטש און איז שנעל געלאפן אויפן וועג.

ווען ער איז אנגעקומען צום אלטן רבי'ן, האט דער אלטער רבי געזאגט, " איך ווייס פונקט וואס איז געשען. איך האב א גאנצע נאכט געדאווענט פאר דיר!"

דער אלטער רבי האט גענומען די גאלדענע מטבע, און האט עס אריינגעלייגט אין א לאך אין די וואנט.

*פופצן יאר זיינען אריבער*, און דער חסיד איז געווארן איינע פון די גבאים פון אלטן רבי'ן. איין טאג האט ער געעפנט דעם טיר פאר אן אלטע ארומאן, און האט אים געבעטן ווארטן. ער האט געזאגט פארן אלטן רבי'ן אז איינער ווארט, און דער אלטער רבי האט ארויסגענומען דאס זעלבע מטבע און האט עס געגעבן פארן ארומאן. "דאס איז דער זעלבער מענטש וואס האט געראטעוועט דיין לעבן," האט ער געזאגט.

ער האט דערציילט אז ווען זיין ווייב און זין זיינען אויפגעשטאנען, און האבן באמערקט אז ער האט געלאזט דער חסיד גיין פריי, האבן זיי אים געשלאגט און ארויסגעשיקט פון שטוב. באלד זיינען די פאליציי געקומען און האבן גענומען זיין ווייב און זין , און ער האט אנגענומען אויף זיך א לעבן פון גלות ביז ער וועט באקומען א סימן פון שמים. יעצט האט ער פארשטאנען אז זיין תשובה איז אנגענומען געווארן!




איינמאל, ווען דער צדיק ר' מנחם מענדל פון הורודאק איז געווען אין ארץ ישראל, האט ער געהערט די קול פון א שופר בלאזן. ווען ער האט נאכגעפרעגט וועגן דעם, האט מען אים געזאגט אז איינער האט געבלאזן שופר אויף די בארג, און מען מיינט אז עס איז אפשר משיח.

ר' מנחם מענדל האט געעפנט זיין פענסטער, און האט אריינגענומען די לופט. ער איז צוריק געגאנגען צו זיין פלאץ און האט געזאגט אז עס איז ניט ב'אמת משיח. ניט לאנג שפעטער האט מען טאקע אויסגעפונען אז עס איז ניט געווען משיח!

שפעטער האבן חסידים ערקלערט פארוואס ר' מנחם מענדל האט געעפנט די פענסטער צו שמעקן אויב משיח איז געווען, ווייל אין זיין צימער האט אלעמאל געלויכטן די לופט פון משיח!

*קינדער, אפילו יעצט אין די לעצטע טעג פון גלות, מוז מען זיך ארום רינגלען מיט די לופט פון משיח דורך לערנען און פארשפרייטן חסידות וואס דאס איז א טעם פון די צייט פון משיח!*

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת וישלח

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

## געפין די ענטפערס צו די פאלגענדע שאלות

1. וואס איז געווען דער נאמען פון אלטן רבי'ן?
2. וועלכע צוויי גרויסע ספרים האט דער אלטער רבי געשריבן?
3. ביי וועלכע ווערטער האט דער אלטער רבי געהאלטן ווען מען האט אים באפרייט?
4. אין וועלכע קאפיטל תהילים איז דאס?
5. אויסער תניא, וועלכע אנדערע שיעורים היבן מיר אן י"ט כסלו?
6. ווער איז נסתלק געווארן י"ט כסלו?
7. אויף וועלכע פון די 12 פסוקים איז די תניא געשריבן?
8. ווען דער מיניסטער איז געקומען צום אלטן רבי'ן, וועגן וועלכע ווערטער האט ער געפרעגט?

| | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | ט | א | ר | ק | א | ד | ד | ו | ר | ע | ן | ח | ל | ש | ו |
| ז | ד | ף | ך | ל | ח | י | ע | כ | ג | ד | ש | פ | ס | נ | ן |
| מ | ץ | ה | ת | צ | מ | נ | א | י | כ | ה | נ | ה | ב | י | ס |
| ע | ג | י | ב | ד | ש | פ | ם | ן | י | ו | ט | א | ר | א | ק |
| ז | ה | ו | ב | ש | ס | ז | ף | ך | ק | ל | ח | י | ע | ו | כ |
| ר | א | ס | ר | ק | ל | ץ | ת | צ | ר | מ | נ | ה | ב | ר | נ |
| י | י | י | ע | כ | ג | ו | ד | ש | ו | פ | ם | ן | ו | ז | ט |
| ט | צ | ו | מ | נ | ה | ב | ם | ס | ב | ז | ף | ך | ל | ל | ח |
| ש | ש | ם | ש | פ | ם | ן | ו | ט | ט | א | ר | ק | ץ | מ | ת |
| ע | נ | ה | ב | ס | ז | ף | ך | ל | ח | י | ע | כ | ג | ן | ד |
| ר | ג | ד | ש | פ | ם | ן | ו | ט | א | ר | ק | ץ | ת | צ | מ |
| מ | כ | ר | א | ש | ה | ש | נ | ה | ל | ח | ס | י | ד | ו | ת |
| ג | ץ | ת | צ | מ | נ | ה | ב | ס | ז | ף | ך | ל | ח | י | ע |
| י | ג | ד | ש | פ | ם | ן | ו | ט | א | ר | א | י | נ | ת | ק |
| ד | צ | מ | נ | ה | ב | ס | ז | ף | ך | ל | ח | י | ה | ע | כ |

## לשנה טובה בלימוד החסידות ובדרכי החסידות!

## הצלחה רבה

Name: ______________________ Age: ______________________

City: ______________________ State: ______________________

Country: ______________________ E-mail: